**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט איבערנאמינירונג פאר די קאמיסיע אויף עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג**

***פובליק קאמענטארן קענען ווערן אריינגעגעבן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די עאיבערנאמינירונג פון די קאמיסיע מעמבער אויף עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג. די פובליק וועט האבן זדריי וואכן צו קאמענטירן אויף די נאמינירטע, וואס וועלן דאן ווערן באוויזן פאר די אינדעפענדענט ריוויו קאמיטע.

"די קאמיסיע אויף עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג איז א זעלבסטשענדיגע, גערעכטע עטיקס אגענטור וואס שטעלט צו גרעסערע דורכזעבארהייט און אקאונטעביליטי פאר ניו יארקערס און העלפט צוריקשטעלן געטרוישאפט אין רעגירונג," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו ווידערוועלן די שטארק-רעספעקטירטע, זעלבסטשטענדיגע לעגאלע עקספערט, מיכאעל עי. קארדאזא, צו די קאמיסיע פאר קאנסידערעישן דורך די אינדעפענדענט ריוויו קאמיטע, און איך בלייב איבערגעגעבן צוזושטעלן סיי וועלכע שטיצע נויטיג צו די קאמיסיע און די קאמיטע צו העלפן פארזיכערן אז זיי זענען סוקסעספול אין אויספירן זייער מיסיע."

**מיכאעל עי. קארדאזא** איז ווידערנאמינירט געווארן צו סערווירן אויף די קאמיסיע אויף **עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג.** מר. קארדאזא איז א פריערדיגע ניו יארק סיטי קארפאראציע קאונסל און דינט יעצט אויף די קאמיסיע אויף עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג. אלס ניו יארק סיטי'ס לענגסט-געארבעטע קארפאראציע קאונסעל, מר. קארדאזא האט געפירט די שטאט'ס 700-לויער געזעץ אפטיילונג פון 2002 ביז 2013, סערווירנדיג אלס א לעגאלע קאונסל צו די מעיאר, די שטאט און אלע אירע אגענטורן. ער האט פירערשאפט ראלעס אויף די באורדס פון פילע סיוויק ארגאניזאציעס אריינרעכנענדיג סיטיזענס יוניאן, די פונד פאר מאדערנע קורטס און די אדווייזערי באורד פון לעגאלע אוטריטש; ער איז אויך געשטעלט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט טשיעף שופט צו פירן די ניו יארק סטעיט קאמיסע אויף געזעצגעבנדע, דשודיסיאל און עקזעקיוטיוו קאמפענסאציע.

פובליק קאמענטארן אויף די ווידערנאמינירונג קענען ווערן אריינגעגעבן [אנליין](#).

גאווארנער האקול האט ערשט פארגעשלאגן צו אויפטוישן די דשוינט קאמיטע אויף פובליק עטיקס מיט א נייע זעלבסטשענדיגע עטיקס אגענטור אלס טייל פון איר [2022 סטעיט אוו די סטעיט](#) אגענדא. געזעצגעבונג שאפנדיג די קאמיסיע אויף עטיקס אין לאביאינג און רעגירונג זענען דורכגעגאנגעןביידע הייזער פון געזעצגעבונג און איז געווארן [אונטערגעשריבן אין געזעץ](#) דורך גאווארנער האקול אויף אפריל 9, 2022.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן